בס"ד

בהעלותך תשפ"א

גליון 44

# דעם רבינ'ס ליכט



**אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פאַר אַלע לעכטיגע קינדער.**

מיר שְׁטֵייעֶן אין פַּרְשַׁת "בְּהַעֲלוֹתְךָ אֶת הַנֵּרוֹת", אין די פַּרְשָׁה בַּאפֶעלְט דער אויבערשטער פאַר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וויאַזוֹי צו מַאכְן די הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דער אויבערשטער האָט אים גֶעהֵייסְן מַאכְן די מְנוֹרָה "מִקְשָׁה זָהָב" מִקְשָׁה איז טַייטְשׁ "אויסְגֶעקְלַאפְּט פון אֵיין שְׁטִיק". די מְנוֹרָה איז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט פון שְׁטִיקְלֶעךְ נָאר פון אֵיין שְׁטִיק גָאלְד, עֶס איז גֶעוָוארְן אויסגֶעהַאקְט מיט אַ הַאמֶער.

מיר הָאבְּן שׁוֹין אַפָּאר מָאל אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה איז בִּנְצִחִיּוּת, עֶס איז שַׁיָּיךְ פַאר יֶעדְן איד אין יֶעדְן זְמַן.

חֲזַ"ל זָאגְן אויף די מְנוֹרָה אַז דָאס איז גֶעוֶוען אַן עֵדוּת פאַר די גַאנְצֶע וועלְט אַז דער אויבערשטער הָאט לִיבּ דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק, עֶר בַּארִימְט זיךְ מיט זֵיי גָאר שְׁטַארְק. די מְנוֹרָה איז גֶעוֶוען אויסְגֶעשְׁנִיצְט מיט שֵׁיינֶע בֶּעכֶערְלֶעךְ און קְנֶעפֶּעלֶעךְ און בְּלוּמֶעלֶעךְ א.ד.ג. דָאס איז מְרַמֵּז אויף אַלֶע סָארְטְן הִתְפָּאֲרוּת וָואס דער אויבערשטער הָאט פון אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן. מֶען דַארְף הָאבְּן גְרוֹיס עַקְשָׁנוּת אין עֲבוֹדַת ה' צו שְׁטֵיין פֶעלְזְן פֶעסְט, און גְלֵייבְּן אַז דער אויבערשטער בַּארִימְט זיךְ מיט אוּנְז און הָאט הֲנָאָה און אַ הִתְפָּאֲרוּת פון יֶעדֶע קְלֵיינֶע תְּנוּעָה'לֶע וָואס מיר טוּעֶן.



דָאס וַוייזְט אוּנְז די מְנוֹרָה, וָואס איז גֶעוֶוען מִקְשָׁה. ר' נָתָן טַייטְשׁ אַז "מִקְשָׁה" איז פון לָשׁוֹן "עַקְשָׁנוּת", מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אין עֲבוֹדַת ה' אין יֶעדֶע מִצְוָה און גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט דַארְף מֶען דָאס מַאכְן מיט עַקְשָׁנוּת.

אַ אִינְגְל וָואס הָאט זיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צו מַאכְן אַ דָּבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: בֶּענְטְשְׁן נָאר פון אִינֶעוֵוייניג, הִיטְן דָאס מויל, נִישְׁט רֶעדְן פון אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מֶער כָּבוֹד גֶעבְּן פאַר טַאטֶע מַאמֶע, דַארְף עֶר עֶס אָנְהַאלְטְן מיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע עַקְשָׁנוּת און דער עִיקָר איז טַאקֶע מיט עַקְשָׁנוּת בֶּעטְן דעם אויבערשטן עֶר זָאל זיךְ קֶענֶען הַאלְטְן מיט די קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, דֶעמָאלְטְס וועט נִתְגַּלָּה ווערְן די גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְפָּאֲרוּת וָואס דער אויבערשטער בַּארִימְט זיךְ מיט דעם קִינְד.

דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אין עֲבוֹדַת ה', נִישְׁט נָאכְלָאזְן די פְּלַאץ ווִי מֶען איז, דָאס מֵיינְט דָאס בִּיסְל עֲבוֹדַת ה' וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס וועט אַרִיבֶּער גֵיין אויף דִיר מְנִיעוֹת און חֲלִישׁוּת הַדַּעַת א.ד.ג. "דער רֶבִּי זָאגְט: "גֶעדֶענְק דָאס גוּט! וַוייל ווען דו וועסְט אָנְהֵייבְּן אַבִּיסְל דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וועסְטוּ דָאס דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען און זיךְ בַּאנוּצְן מיט די עֵצָה."

ר' נָתָן שְׁרַייבְּט אין אַ בְּרִיוו: עֶטְס דַארְפְּסְט זַיין גְרוֹיסֶע עַקְשָׁנִים מיט דָאס בִּיסְל עֲבוֹדָה וָואס עֶנְק טוּעֶן, אויךְ אין רָצוֹן דַארְף דער מֶענְטְשׁ זַיין אַן עַקְשָׁן צו ווֶעלְן און הָאבְּן הִשְׁתּוֹקְקוּת צו די אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ ווֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶס קֶען אויף אִים אַרִיבֶּער גֵיין, דֶערְפַאר דַארְף עֶר דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען.

אין לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת זֶעט מֶען וואוּ ר' נָתָן בֶּעט זיךְ בַּיים אויבערשטן: "הֶעלְף מיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אין עֲבוֹדַת ה', אִיךְ זָאל נִישְׁט ווערְן צוּמִישְׁט פון קַיין שׁוּם זַאךְ אין דער וועלְט וָואס זָאל מיר אַרָאפְּוַוארְפְן אָדֶער מְרַחֵק זַיין פון דִיר, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין. אֲפִילוּ עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אויף מיר וָואס עֶס זָאל נָאר אַרִיבֶּערְגֵיין זָאל אִיךְ זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צו קוּקְן אויף אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס מוּטְשֶׁען און ווִילְן מיר שְׁוַואךְ מַאכְן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין חָלִילָה אַ פַארְלוֹירֶענֶער..

הֶעלְף מיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל זיךְ הַאלְטְן אין דִיר אין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מיט וָואס אִיךְ קֶען נָאר, מיט יֶעדֶע נְקוּדָּה טוֹבָה וָואס גֶעפִינְט זיךְ אין מיר. אִיךְ זָאל

המשך אויף זייט 4

# דעם רבי'נס מְשָׁלִים



בײַנאַכט אין שְׁטוּב פוּן מֹשֶׁה'לֶע. אַלֶע קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, ר' מֹשֶׁה האלט שׁוֹין נָאכְן לֵייגְען עֶרְלִיךְ קְרִיאַת שְׁמַע, עֶר איז אין אַ טִיפֶע שְׁלָאף און חָלוֹמ'ט זִיךְ אַ חָלוֹם...

*"פָאר צוּם שְׁטָאט ווִין, דָארְט אוּנְטֶערְן בְּרִיק וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַן אוֹצָר"*

אַזַא אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע חָלוֹם, אִיךְ זָאל פָארְן קַיין ווִין טְרֶעפְן אַן אוֹצָר? אַיין מִינוּט, פּוּנְקְט אִיךְ מֹשֶׁה'לֶע וֶועט הָאבְן אַזַא מַזָל צוּ טְרֶעפְן אַן אוֹצָר? נֶע, דָאס אִיז סְתָם נַארִישֶׁע חֲלוֹמוֹת!

אָבֶער פַארְוָואס זָאל אִיךְ זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין אַזוֹי שְׁנֶעל? וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ דֶערְלֵייגְן! אִיךְ גֵיי גֵיין אִין מִקְוֶה און דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית און גְלַייךְ נָאכְדֶעם פָאר אִיךְ קַיין ווִין.

יָא פֶערְדְל, אִיל זִיךְ צוּ, מִיר קוּמֶען שׁוֹין בַּאלְד אָן!

.... אִיךְ זֶע שׁוֹין דֶעם בְּרִיק.

*נָאךְ אַ פָּאר שָׁעָה פָארְן אוֹיפְן אַלְטְן פֶערְדְל, אִיז דֶער אִיד אָנְגֶעקוּמֶען קַיין ווִין.*

הָא, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען? אַזַא גְרוֹיסֶער בְּרִיק! לָאמִיר זֶען ווְאוּ זָאל אִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ גְרָאבְּן? אַ גַאנְצְן טָאג דְרֵייעֶן זִיךְ דָאךְ אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן דָא, מֶען וֶועט מִיר זִיכֶער בַּאמֶערְקְן! אִיךְ מֵיין אִיךְ וֶועל ווָארְטְן אַפָּאר שָׁעָה.

אָבֶער בַּיינַאכְט אִיז דָאךְ זֵייעֶר טִינְקְל, אִיךְ וֶועל גָארְנִישְׁט קֶענֶען זֶען וָואס צוּ טוּן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אִיךְ ווֵייס שׁוֹין, אִיךְ גֵיי מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן אַ רִיכְטִיגֶע עֵצָה וָואס צוּ טוּן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן דֶער אוֹצָר, אִיךְ וֶועל מִיט דַיין הִילְף טוּן אַסַאךְ חֶסֶד מִיט אָרִימֶע אִידְן. הֶעלְף מִיר טַאטֶע! און אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט טְרֶעפְן, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע, אִיךְ זָאל וַוייטֶער גְלֵייבְּן אִין דִיר אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה און בְּלַייבְּן מִיט דִי אֱמוּנָה.

**הֶעי, דוּ וָואס זוּכְסְטוּ דָארְט? הָא? דַיין גַאנְצֶע גֶעפִּיַראכְטְס קוּקְט מִיר אוֹיס עֶפֶּעס נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג!**

וָואס? אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג?

**יָא, דִי בִּיסְט פַארְדֶעכְטִיגְט יָא, דוּ שְׁטֵייסְט און קוּקְסְט זִיךְ אַרוּם, וָואס זוּכְסְטוּ דָארְט? הָא! אִיךְ פַארְשְׁטֵיי שׁוֹין, דוּ בִּיסְט אַ גַנָב, יָא אַ גַנָב!**

וָואס? אַ גַנָב?

**יָא אַ גַנָב, קוּם נָאר אַהֶערָ, אִיךְ וֶועל דִיר טְרָאגְן צוּ דִי פָּאלִיצֵיי**

טַאטֶע אִין הִימְל וָואס זָאל אִיךְ יֶעצְט טוּן? זָאל אִיךְ אִים פַארְצֵיילְן? אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אִים נִישְׁט פַארְצֵיילְן, קֶען עֶר מִיךְ נָאךְ אַיינְזֶעצְן אִין תְּפִיסָה! וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אִים יָא פַארְצֵיילְן און אִיךְ וֶועל מִיךְ צוּטֵיילְן מִיט'ן אוֹצָר הַאלְבּ אוֹיף הַאלְבּ! אַנְטְשׁוּלְדִיגְט... אִיךְ ווִיל דִיר פַארְצֵיילְן וָואס אִיךְ טוּ דָא!

**יָא יָא לָאמִיךְ הֶערְן, לָאמִיךְ הֶערְן, עֶס דַארְף אָבֶּער זַיין זֵייעֶר אִינְטֶערְסַאנְט עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין מַיין אוֹיעֶר.**

**אוֹיבּ נִישְׁט הֶע..הֶע..**

דִי נַאכְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעחָלוֹמְט..

**אַ חָלוֹם? הָאסְט זִיךְ בֶּאֱמֶת גֶעחָלוֹמְט אַ חָלוֹם?**

יָא, אִיךְ זָאג דִיר אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ חָלוֹם דִי נַאכְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעחָלוֹמְט אַז אִיךְ זָאל פָארְן קַיין ווִין און דָארְט אוּנְטֶערְן בְּרִיק פוּן ווִין וֶועל אִיךְ טְרֶעפְן אַן... אוֹצָר

**הָא, שֵׁיין! אַן אוֹצָר אוּנְטֶערְן בְּרִיק פוּן ווִין!**

**אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ בִּיסְט אַ פָּאלְנֶער גַנָב, דוּ דְרֵייסְט זִיךְ נִישְׁט סְתָם אַרוּם דָא!**

נֵיין, דָאס אִיז אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ טַאקֶע גֶעחָלוֹמְט,



אִיךְ קוּם צוּפָאהְרְן פוּן זֵייעֶר אַ וַוייטֶער דָארְף צוּ זוּכְן דֶעם אוֹצָר!

**הָא הָא הָא... אַן אוֹצָר אוּנְטֶערְן בְּרִיק פוּן וִוין! אַן אוֹצָר אוּנְטֶערְן בְּרִיק פוּן וִוין!**

**אַן אוֹצָר, דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר לַאכְן הַא הַא הַא**

**דוּ וֵוייסְט וָואס מַאכְט מִיר נָאךְ מֶער שְׁמֵייכְלֶען?**

וָואס?

**אַז דוּ מַאכְסְט זִיךְ בִּכְלַל צוּטוּן פוּן אַ חָלוֹם, אִיךְ סֶערְגֶעי הָאבּ אוֹיךְ גֶעחָלוֹ'מְט אַ חָלוֹם דִי נַאכְט?**

אַזוֹי? דוּ הָאסְט אוֹיךְ גֶעחָלוֹמְט?

**יָא, אִיךְ הָאבּ גֶעחָלוֹמְט וֶועגְן אַן אוֹצָר וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין עֶפֶּעס אַ וַוייטְן שְׁטֶעטֶעלֶע אִין עֶפֶּעס אַ מַאגַאזִין** (זַייטִיגֶע צִימֶער) **פוּן עֶפֶּעס אַ אִידְל וָואס הֵייסְט שָׁאמַ'לֶע... נֵיין נֵיין.. שָׁאלַ'מֶע.**

שָׁאלַמֶע, דוּ בִּיסְט זִיכֶער?

**יָא, אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין דֶערְמַאנְט, מֹשֶׁה'לֶע, מֶען רוּפְט אִים מֹשֶׁה'לֶע... יָא יָא מֹשֶׁה'לֶע, אַ שֵׁיינֶע נָאמֶען. נָא וֶועגְן דֶעם זָאל אִיךְ יֶעצְט פָאהְרְן אַהִין אוּן זוּכְן דָארְט דֶעם אוֹצָר?**

*וָואס? עֶר חָלוֹמְט דָאךְ וֶועגְן מִיר, מַיין שְׁטֶעטְל וואו אִיךְ וואוֹין!*

*אִיךְ מַיין אִיךְ דַארְף זִיךְ שׁוֹין צוּרִיקְאַיילְן צוּ פָארְן אַהֵיים, לָאמִיר אִים בַּאגְרִיסְן אוּן גְלַייךְ זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיפְן וֶועג.*

גוּט סֶערְגֶעי, אִיךְ דַאנְק דִיר, אַ דַאנְק אַ גְרוֹיסְן דַאנְק, אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַהֵיים.

**וָואס? שְׁ'כּוֹחַ פַארְוָואס, כְ'הָאבּ דִיר סְתָם**

**אַזוֹי פַארְצֵיילְט אַ חָלוֹם!**

**דֶער אִיז אַ מָאדְנֶער מֶענְטְשׁ, עֶר חָלוֹמְ'ט חֲלוֹמוֹת אוּן קוּמְט בִּיז וִוין! מֹשֶׁה'לֶע מֹשֶׁה'לֶע לָא לַא לָא..**

פֶּערְדֶעלֶע, גֶעגַאנְגֶען מֶען פָארְט, מֶען פָארְט שׁוֹין אַהֵיים, אָבֶער מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת פְלִיט מֶען

הָא! אִיךְ דַאנְק דִיר בַּאשֶׁעפֶער, מֶען זֶעט שׁוֹין דִי הַייזֶער פוּן דֶערְוַוייטֶנְס, אָט קוּם מֶען שׁוֹין אָן צוּ דִי גַאס וואוּ אִיךְ וואוֹין

אִיךְ גֵיי שׁוֹין גֵיין אִין מַאגַאזִין אוֹיסְגְרָאבְּן דָארְט. אוֹי, אַזוֹיפִיל שְׁמִיץ אָנְגֶעלֵייגְט דָא. לָאמִיר אַוֶועקְרוּקְן דִי אַלְטֶע בֶּענְקְלֶעך

אִיךְ הֵייבּ שׁוֹין אָן צוּ גְרָאבְּן. עֶפֶּעס אַ הַארְטֶע זַאךְ, אִיךְ פוּל עֶפֶּעס, דָא הָאסְטוּ... אִיךְ זֶע עֶס דָא... אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט, דָאס אִיז אַ פִּישְׁקֶע... לָאמִיךְ עֶס אָפְּרֵיינִיגְן אַבִּיסְל פוּן דִי שְׁטוֹיבּ

אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט וָואס אִיךְ זֶע, אַ אוֹצָר, אַ אוֹצָר, וְואוּ יִישַׁר כֹּחַ בַּאשֶׁעפֶער, אַזֶעלְכֶע נִסִּים אִיךְ דַאנְק דִיר בַּאשֶׁעפֶער

*טַייעֶרֶע קִינְדֶער; קְלִינְגְט אַרַיין אִין טֶעלֶעפָאן-לַיין אוּן זָאגְט אַרַיין דֶער נִמְשָׁל וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם. (קוּק אין שיש"ק צו זען וויאזוי דער רבי פארציילט דער משל מיט'ן נמשל)*



אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מִתְפַּלֵל זַיין אַז אִיךְ וִויל פָארְן צוּ מַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע וֶועלְכֶע וואוֹינֶען וַוייט אַרִיבֶּער דֶער יַם, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז כִּמְעַט וִוי נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען. בִּיז אִין אַ טָאג וֶוען מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט: יַעֲנְקִי! עֶס זֶעט עֶס אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען פָארְן, עֶס אִיז דָא שְׁטַארְקֶע מְנִיעוֹת, דַיין פַּאסְפָּארְט אִיז אָפְּגֶעלָאפְן, אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע מְנִיעוֹת, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מִיטְקוּמֶען.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָבֶער זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעטוּן דָאס רִיכְטִיגֶע הִשְׁתַּדְלוּת פוּן תְּפִלָּה, אִיךְ גְלֵייבּ אַז מַיין תְּפִלָּה הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן רַעַשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל, אוֹיף צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל זִיךְ שׁוֹין צוּרִיק קֶערְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אוּנְז אִין הֵיילִיגְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס וֶועט אִינְגִיכְן וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט.

אִיךְ וִויל אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ שְׁטַארְקֶע רִיף פַאר אַלֶע טַייעֶרֶע חָשׁוּבֶע קִינְדֶער פוּן אִיבֶּער דִי וֶועלְט: עֶנְק זָאלְן וִויסְן אַז אֲפִילוּ אַסַאךְ מָאל זֶעט עֶפֶּעס אוֹיס אוּמְמֶעגְלִיךְ, הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַלֶעס, גָארְנִישְׁט אִיז פוּן אִים פַארְמִיטְן, אֲפִילוּ מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן קוּקְט אוֹיס אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעפּוֹיעֶלְט אִיז עֶס אָבֶער נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל קַיין שׁוּם תְּפִלָּה גֵייט נִישְׁט פַארְלוֹירְן... **אַסַאךְ הַצְלָחָה**

לאמיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די ערשטע מעשה (2)
## פון די פארלוירענע בת מלך



איך הער זיך צו צו די מעשה פון די פארלוירענע בת מלך אויפן טעל-ליין!

**א. וואס האט ער געטון די לעצטע טאג?**
- ❑ פארזוכט פון די קוואל וויין
- ❑ געגעסן פון די עפל
- ❑ פארזוכט פון די קוואל וואסער

**ב. וויפיל צייט איז ער געשלאפן?**
- ❑ א גאנצע יאר
- ❑ פופציג יאר
- ❑ זיבעציג יאר

**ג. האט ער זיך אויפגעוועקט ווען זי האט אים געוועקט?**
- ❑ יא, גלייך
- ❑ ניין
- ❑ נאך אפאר מאל וועקן

**ד. פארוואס האט זי געוויינט?**
- ❑ וויל ס'איז א גרויסע רחמנות אויף איר
- ❑ וויל ס'איז א גרויסע רחמנות אויף אים
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. מיט וואס האט זי געשריבן?**
- ❑ מיט א פענע
- ❑ מיט אירע טרערן
- ❑ מיט א פעדער

**ו. וואס האט ער געזאגט ווען ער האט זיך אויפגעכאפט?**
- ❑ פארוואס האב איך געגעסן פון די עפל
- ❑ פארוואס בין איך געשלאפן אזויפיל צייט
- ❑ וואו בין איך אין דער וועלט

**ז. וויאזוי האט ער געליינט וואס ס'איז געשטאנען אין די פאטשיילע?**
- ❑ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן די לבנה
- ❑ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן דער זון
- ❑ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן א ליכט

**ח. וואס איז געשטאנען אין די פאטשיילע?**
- ❑ אירע קלאגן, און אז זי איז צוריק אין פאלאץ
- ❑ אירע קלאגן, און אז ער קען זי געפינען ביי א גאלדענע בארג מיט א פערלינעם שלאס
- ❑ אירע קלאגן, און אז זי איז אין די מדבריות

**ט. וואס האט געזאגט דער ממונה אויף די חיות ?**
- ❑ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינעם שלאס
- ❑ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ❑ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט אוואו

**י. וואס האט דער שני למלכות געטון?**
- ❑ ער האט זיך מייאש געווען פון זוכן
- ❑ ער האט געוויינט און געזאגט אז ס'איז בוודאי יא דא
- ❑ ער האט געוויינט ווייל ס'איז נישטא

**יא. וואס האבן די חיות געענטפערט?**
- ❑ אז זיי האבן געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי האבן נישט געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי ווייסן נישט פון דעם בארג און דעם שלאס

**יב. וואס האט געזאגט דער ממונה אויף די עופות ?**
- ❑ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינעם שלאס
- ❑ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ❑ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט אוואו

**יג. וואס האבן די עופות געענטפערט?**
- ❑ אז זיי האבן געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי האבן נישט געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי ווייסן נישט פון דעם בארג און דעם שלאס

**יד. וואס האט געזאגט דער ממונה אויף די רוחות ?**
- ❑ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינעם שלאס
- ❑ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ❑ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט אוואו

**טו. וואס האט געזאגט דער ווינט וואס האט געשפעטיגט צו קומען?**
- ❑ אז ער האט געדארפט טראגן א מלך צו א גאלדענעם בארג און א פערלינעם שלאס
- ❑ אז ער האט געדארפט טראגן דימאנטן צו א גאלדענעם בארג און א פערלינעם שלאס
- ❑ אז ער האט געדארפט טראגן א בת מלך צו א גאלדענעם בארג און א פערלינעם שלאס

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,
02-5-3333-72
*נייער נומער*
518-329-9149
צו הערן דער געוויינער דרוק נומער 4
צו מנדב זיין פאר דער גליון לכבוד א שמחה / לע"נ ביטע זיך פארבינדן אויפן טעלעפאן
058-323-3287

המשך פון זייט 1

## דער רייינער קוואל

זִיךְ יֶעדְן טָאג אִין יֶעדֶע צַייט פְּרֵייעֶן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ זַיין מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גּוֹי, שְׁטֶענְדִיג זָאל אִיךְ זוּכְן אִין מִיר נְקוּדוֹת טוֹבוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְווֹת וָואס יֶעדֶער אִיד פַארְמָאגְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאל שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן פַאר דִי אוֹיגְן דִי הִתְפָּאֲרוּת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן אוּנְז, דָאס וֶועט טַאקֶע גּוֹרֵם זַיין אַז לְמַעְלָה וֶועט זִיךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימֶען אוּן זָאגְן: "קוּק וָואסְפַארַא לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער אִיךְ הָאבּ דָא הִינְטְן, דִי נַחַת רוּחַ אוּן שַׁעֲשׁוּעִים וָואס זֵיי מַאכְן מִיר." בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ זֶען דִי אַלֶע כְּלֵי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה אִין אִיר פְּרַאכְט אוּן לִיכְטִיגְקַייט מִיט אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַלֶע צַדִּיקִים אִין הֵיילִיגְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

